# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת תרומה תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 419



ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### געבן צדקה לשם שמים

"וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי" (כה ב)

רש"י טייטש: "'ויקחו לי' - לשמי", ד.מ. די תרומה זאל זיין נאר לשם ה', און נישט צו דערגרייכן עפעס א ציל ווי כבוד א.ד.ג.. האדמו"ר **רבי משה יחיאל מאוזרוב** האט ערקלערט אז כדי די תרומה זאל זיין נאר לשם ה', אן כוונות פון זיך שטאלצירן און אייגענע אינטערעסן, דארף דער נותן איינערקענען אין די פאקט אז אלעס וואס ער האט געהערט צו הקדוש ברוך הוא, וואס האט אים געגעבן די געלט צו האלטן אזוי ווי א פיקדון, און ער געבט נישט פון זיינס גארנישט. דעריבער האט דער האר"י הקדוש איינגעפירט צו געבן צדקה ביי 'ויברך דוד' ביים זאגן: "וְאַתָּה מוֹשֵׁל בַּכֹּל" (דה"א כט יב), ווייל געבן צדקה ווען מען טוט איינערקענען אז הקדוש ברוך הוא איז מושל בכל, און דער גאנצער פארמעגן געהערט צום באשעפער, ווערט עס געטון מיט די ריכטיגע כוונה און איז אנגענומען אין הימל.

'באר משה'

### השראת השכינה איז אנגעהאנגען אין 'הארץ'

"וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם" (כה ח)

פארוואס שטייט "בתוכם" בלשון רבים און נישט 'בתוכו'?

ערקלערט **רבי יוסף פאצאנאווסקי** פון לאדזש:

אין די ציווי פון: "ועשו לי מקדש" איז אריינגערעכנט אויך די ציווי אויף אלע דורות, צו בויען שוהלן (זהר נשא קכו א), אזוי ווי די חכמים זאגן (מגילה כט א) אז א בית הכנסת ווערט אנגערופן 'מקדש מעט'. דאס באטאנט דער פסוק: "וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם" - אין די וואס טון, און נישט אין בית המקדש; צו זאגן: אויך אויב דער געביידע וועט זיין גרויס און שיין, וועל איך נישט מאכן רועהן מיין שכינה אין דעם נאר אויב די וואס בויען וועלן דארטן קומען דאווענען און דינען דעם אויבערשטן.

אויף נאך א וועג טייטש ער: "ועשו לי מקדש" איז א סימן אויף "ושכנתי בתוכם"; די פאקט אז די אידן געבן פון זייער געלט צו בויען די משכן, לערנט אונז אויף דעם אז שוין לאנג טוה איך רועהן אין זייער הארץ און מיין כבוד איז טייער איז זייערע אויגן.

'פרדס יוסף'

### מאכן א צורה פון לייבן אויף די ארון הקודש

"וְעָשִׂיתָ שְׁנַיִם כְּרֻבִים זָהָב מִקְשָׁה תַּעֲשֶׂה אֹתָם מִשְּׁנֵי קְצוֹת הַכַּפֹּרֶת" (כה יח)

**רבינו בחיי** ערקלעט אז די פאקט אז די כרובים זענען געווען 'פורשי כנפים' אזוי ווי די מלאכים, איז כדי צו משריש זיין אין די אידן די אמונה אז עס זענען פארהאן מלאכים. די אמונה איז זייער וויכטיג צו האבן אמונה אין די נבואה, ווי באקאנט איז דאס איינס פון די עיקרי הדת, ווייל די מלאכים זענען שליחים וואס דורך זיי זאגן די נביאים זייער נביאות.

פון די רבינו בחיי וואס זאגט אז די כרובים האט אויסגעפעלט צו פארשטארקן די יסודות פון אונזער אמונה האט **רבי חיים סופר** בעל 'מחנה חיים' צוגעשטעלט א מקור אויף דער מנהג אין די תקופה פון די גלות צו טון אויף די ארון הקודש אדער אויף די פרוכת א צורה פון צוויי לייבן פון די צוויי זייטן פון די לוחות, א זכר אויף די כרובים וואס זענען געווען "מִשְּׁנֵי קְצוֹת הַכַּפֹּרֶת". און כאטש אסאך פוסקים זענען מחמיר אין דער ענין, שרייבט דער 'מחנה חיים' אז ווייל עס רעדט זיך נישט פון א גאנצע געשטאלט נאר א צורה וואס ווערט געזען פון די זייט איז נישטא אין דעם קיין חשש איסור.

שו"ת 'מחנה חיים' יו"ד סי' כט

### די כרובים האבן אויסגעשפרייט זייערע פליגלען ביי די צייטן פון די תפילות

"וְהָיוּ הַכְּרֻבִים פֹּרְשֵׂי כְנָפַיִם לְמַעְלָה סֹכְכִים בְּכַנְפֵיהֶם עַל הַכַּפֹּרֶת וּפְנֵיהֶם אִישׁ אֶל אָחִיו" (כה כ)

אין זוהר הקדוש (אח"מ נט א) איז ערקלערט, אז די פליגלען פון די כרובים זענען געווען אויף אראפ, אבער דריי מאל א טאג איז געשען א נס "וְהָיוּ הַכְּרֻבִים פֹּרְשֵׂי כְנָפַיִם" פון זיך אליינ'ס. שרייבט דער **'תפארת שלמה'** אז אזא וואונדערליכער נס אז א שטיק גאלד זאל אויסשפרייטן זיינע פליגלען דריי מאל יעדן טאג איז געווען דער גרעסטער נס פון אלע ניסים וואס זענען געווען אין בית המקדש. דורך דעם וואונדערליכן נס האט הקב"ה ארויסגעוויזן זיין ליבשאפט צו די אידן, און ווי שטארק ער גלוסט אין זייער תפילה, אזוי ווייט אז אין די צייט פון די דריי תפילות האבן די כרובים אויסגעשפרייט זייערע פליגלען ווי זיי דאווענען צוזאמען מיט כלל ישראל.

'תפארת שלמה'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### 'ארוממך אלקי המלך'

אין די סדר פון די ברכות השחר איז פארהאן א אינטערעסאנטע ערשיינונג, יעדע ברכה הייבט זיך 'ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם'. די הלכה'דיגע סיבה אויף דעם איז אז אין די אנדערע ברכות וואס זענען ווי א 'גרופע' הייבט זיך אן נאר די ערשטע ברכה מיט א 'ברוך', ווייל אלע ברכות וואס זענען נאך איר ווערן גערעכנט פאר א 'ברכה הסמוכה לחברתה' וואס הייבט זיך נישט אן מיט א 'ברוך'. די ברכות השחר זענען אנדערשט פון די אנדערע ברכות וואס זענען צוזאמען, ווייל פון אנהויב האט מען זיי נישט קובע געווען צוזאגן צוזאמען, נאר יעדע ברכה האט מען מתקן געווען ווי א ברכה פאר זיך (תוספות ברכות מו א ד"ה כל).

פון דעסוועגן קענען מיר זיך נישט פארהוילן פון די פאקט אז דורך דעם האבן מיר ווי א טאג-טעגליכע דערמאנונג, באלד ביים אויפשטיין זאלן אונז דערמאנען נאכאמאל און נאכאמאל פאר אונז אליין אז דער וועלט האט א קעניג, און מיר האבן א תפקיד וואס אויף דעם זענען מיר געשטעלט, אים דינען און לויבן.

אין מסכת ברכות (מ ב) זאגט רבי יוחנן: "כל ברכה שאין בה מלכות אינה ברכה". פון זיינע ווערטער קומט ארויס אז זאגן 'מלך העולם' איז נישט א צוגעלייגטע זאך צו די ברכה, נאר דאס איז דער הויכפונקט פון די ברכה, ווייל דאס איז די ציל פון די ברכה, מיר זאלן פארשטיין אז דער אויבערשטער איז מלך העולם, און מיר דארפן אננעמען אויף אונז זיין עול מלכות.

מיר דארפן זיך פרייען מיט די וואונדערליכע געלעגנהייט וואס פאלט אריין אין אונזערע הענט יעדן אינדערפרי צו קעניגן דעם אויבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל. ווען מיר וועלן זאגן איינמאל נאכן אנדערן מיט געפיל און כוונה די ווערטער 'מלך העולם', וועלן מיר זיכער זוכה זיין צו מקבל זיין דעם עול מלכות שמים באהבה.

אויב מיר וועלן זיך מער מתבונן זיין אין דעם וועלן מיר פארשטיין אז ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר דאס איז משלים די קבלת עול מלכות שמים, אזוי ווי חז"ל זאגן (שבת קיט ב) אז 'אמן' איז ר"ת 'א-ל מלך נאמן'. ווען דער מברך רופט אויס אז ה' יתברך איז דער מלך העולם, איז דער וואס ענטפערט אמן מסכים צו זיינע ווערטער אז ער איז טאקע 'א-ל מלך נאמן'.

**מיט א רוף 'ונרוממה שמו יחדיו'**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# 'חסד ומשפט אשירה לך ה' אזמרה'

ראש חודש אייר תש"פ, אינמיטן דער 'ערשטער כוואליע' פון די 'קאראנא ווייראס', וואס האט אנגעהויבן פלאגן אונזער לאנד. צו די ליסטע פון די קראנקע וואס ווערט לענגער איז צוגעקומען דער נאמען רבי הערשל כהן, פון די חשובע עסקנים פון ק"ק ברסלב אין ירושלים, וואס אין א העלן טאג האט ער פלוצלינג אנגעהויבן פילן די 'סימפטאמען' וואס מעלדן אז ער איז אנגעשטעקט געווארן מיט אט די ווייראס, זיין היץ איז ארויף און ער האט אנגעהויבן היסן אן קיין אויפהער.

אין אנהויב האט ער געהאפט אז אזוי ווי ביי רוב אנגעשטעקטע האט זיך עס געגרעדט פון גאנץ א גרינגע קראנקייט וואס גייט אריבער אין עטליכע טעג, אבער ווען ער האט בערך א וואך שפעטער אנגעהויבן שפירן ערנסטע שוועריקייטן ביים אטעמען, האט ער פארשטאנען אז ביי אים רעדט זיך פון אן ערנסטער ענין. איינער פון זיינע משפחה מיטגלידער האט זיך געאיילט ברענגען די 'סיטוראציע' טעסט, וואס האט געוויזן אז די אקסעדזשען (חמצן) אין זיין בלוט איז גאר געפערליך נידעריג. לויט די עצה פון די גרויסע דאקטורים איז ר' הערשל שנעל אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל.

פארשטייט זיך אז זיינע משפחה מיטגלידער זענען געצווינגען געווען צו בלייבן אינדרויסן פון שפיטאל ווען ער אליין דארף זיך פארמעסטן מיט די שווערע נייעס. די


מעדיקל צענטער - הדסה עין כרם

דאקטוירים, וועלכע זענען פריער געמאלדן געווארן אויף זיין געפערליכן צושטאנד, האבן אים שנעל באהאפטן צו פארשידענע מאשינען וואס האבן געוויזן אז זיין צושטאנד איז נאך מער געפערליך פון וואס זיי האבן זיך פארגעשטעלט, און די דאקטוירים האבן אים געמאלדן טרוקענערהייט אז זיי האבן נישט קיין אנדערער וועג נאר אים שוין איינשלעפן, האפנדיג אז דאס וועט ראטעווען זיין לעבן.

הערענדיג די נייעס איז ר' הערשל אינגאנצן שאקירט געווארן און האט קוים געקענט רעאגירן. "וואס זענען די אויסזוכטן אז איך וועל זיך דערוועקן נאכן איינשלעפן?" - האט ער געפרעגט דעם דאקטאר מיט ציטער, און דער דאקטאר האט געענטפערט: "ל◦דער, די שאנסן ז◦נען שוואכע...".

ר' הערשל איז געלעגן אויפן בעט הילפסלאז, ווארטנדיג אויפן אנקום פונעם דאקטער וואס וועט אים איינשלעפן, און גלייכצייטיג געטראכט אין דער אפטייטש פון די ווערטער וואס ער האט יעצט געהערט. אין זיין מחשבה האט ער געזען ווי זיין טאכטער די כלה וואס דארף חתונה האבן עטליכע וואכן ארום קומט אן אין הר הזיתים אים איינלאדענען צו איר חופה, און זיינע וויינעדיגע קינדער זאגן קדיש נעבן זיין מיטה, און דער געדאנק אז ער וועט אין אזא יונגן עלטער פארלאזן די ◦עלט האט אים שרעקליך צובראכן.

ער איז כמעט א◦נגעזונקען געווארן אין דער תהום פון פארצווייפלונג, אבער פונקט דעמאלטס, פון די טיפענישן פון די פינסטערניש, האט אויפגעבליצט די שארפע שאלה אין זיין מח: "הערשל, וואס מיט דיר? האסט שוין געזאגט א 'דאנק' פארן רבונו של עולם...?". אלס א נאנטער תלמיד פון הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א, וואס איז מעורר אויף דעם ענין, האט ר' הערשל גוט געוואוסט די וויכטיגקייט פון דאנקען השי"ת אויף אלע זיינע איבערלעבענישן, צי אויף שלעכט'ס, צי אויף גוט'ס, און אזוי האט ער אויך מחנך געווען זיין משפחה.

פאר זיינע אויגן זענען ארויפגעקומען די ווערטער פון רש"י הק' אויפן פסוק אין תהלים (קא א): "חסד ומשפט אשירה לך ה' אזמרה" - "כשאתה עושה עמי חסד אקלסך 'ברוך הטוב והמטיב', וכשאתה עושה בי משפט אני אשיר 'ברוך דיין האמת'; בין כך ובין כך 'לך ה' אזמרה'".

די ווערטער פון רש"י באגלייטן ר' הערשל פון אייביג אן, אויף יעדן טריט און שריט. יעצט ווען ער ליגט הילפסלאז אויף זיין בעט, געציילטע מאמענטן נאכן באקומען די שווערע בשורה אז די מערהייט פון די אויסזוכטן זענען אז יעצט זענען די לעצטע מינוטן וואס ער זעט דער וועלט, האט ער זיך אנגעשטרענגט מיט זיינע לעצטע פארבליבענע כוחות צו באוועגן די ליפן צו זאגן עטליכע ווערטער:

"רבונו של עולם, איך דאנק דיר פאר אלע חסדים וואס דו טוהסט מיט מיר, איך ווייס אז אלע דיינע מעשים זענען לטובה, און סיי אויב איך וועל איך זיך דערוועקן פון די שלאף אדער נישט, דאנק איך דיר...".

גל◦כצ◦טיג, האבן די ליפן פון ר' הערשל אנגעהויבן ספאנטאניש זינגען דעם ניגון וואס כ"ק אדמו"ר מפיטסבורג זצ"ל האט פארפאסט אין דעם שבת וואס ז◦ן יונגע טאכטער איז נפטר געווארן, ווען ער שטרענגט זיך אן פארגעסן ז◦ן טרויער ביז מוצאי שבת, אויף די געהויבענע ווערטער פון: "וידע כל פעול כי אתה פעלתו ויבין כל יצור כי אתה יצרתו ויאמר כל אשר נשמה באפו ה' אלוקי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה".

דער פיטסבורגער רבי האט זיך געגרייט מיט דעם ניגון אויף די לוויה פון זיין טאכטער, און ר' הערשל האט געפילט אז ער גרייט זיך דערמיט צו זיין אייגענע לוויה... דער דאקטער וועלכער איז א רעליגיעזער איד איז אריין אין צימער און האט געזען דעם קראנקן ליגן מיט פארמאכטע אויגן און ברומט זיך אונטער די ניגון, האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און האט מיטגעזינגען ווען פון זיינע אויגן רינען טרערן. ווען דער ניגון איז נאך געווען אויף זיינע ליפן, איז ר' הערשל איינגעשלעפט געווארן.

אין די קומענדיגע טעג האט אויסגעזען אז די שווארצע אויסקוק פון די דאקטורים ווערט פאר◦רקליכט. אלעס איז אפגעשוואכט געווארן, די לונגען זענען שוין געווען 'פערטיג' אינגאנצן. אזוי ווייט אז די דאקטורים האבן שוין ממליץ געווען פאר די משפחה מיטגלידער זאלן זיך גרייטן צו די לוויה...

אבער זיינע פר◦נד און זיין פאמיליע האבן נישט געטראכט פון זיך מייאש זיין. זיי האבן אנגעהויבן "אויפרודערן דער ◦עלט" מען זאל דא◦ענען פאר אים; דער נאמען "צבי הערשל בן יהודית" איז פארשפרייט געווארן איבער דער וועלט, און צענדליגער טויזנטער שלומי אמוני ישראל, מענער, פרויען און קינדער, וואס רוב פון זיי האבן אים אינגאנצן נישט געקענט, האבן זיך געשטעלט דאווענען און זיך מחזק זיין פאר זיין זכות. אין די מודעות וואס זיי האבן פארשפרייט האבן זיי געבעטן מען זאל זיך באזונדער מחזק זיין מיט זאגן 'מזמור לתודה' פאר זיין רפואה, און טאקע אזוי, נישט ווייניגער פון פופציג טויזנט מאל 'מזמור לתודה' איז געזאגט געווארן לזכותו.

וו◦זט אויס, אז די פילע תפילות, די קבלות און התחזקות האבן אויפגעטון, ווייל פונקט צוויי וואכן נאכן איינשלעפן, נאכדעם וואס די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן זיין לעבן, און דעם טאג וואס זיי האבן געוואלט אנהויבן אים געבן אטעמען דורך די קנה, אזאך וואס איז פארבינדן מיט א גרויסע ריזיקע, האט זיך ר' הערשל מיטאמאל אויפגעכאפט ווי כאילו פון א לאנגער נאכט-שלאף, און געווינקען פאר די דאקטורים, אז ער וויל ארויסגיין פון בעט, ווי זיי שטייען מיט אפענע מיילער אינגאנצן פארוואונדערט.

ר' הערשל האט זיך אויפגעכאפט אינגאנצן ש◦אך, אבער צ◦◦ ◦אכן שפעטער איז ער געטאנצן און געשפרינגען ב◦ די חתונה פון זיין טאכטער, ◦◦ גארנישט ◦אלט פאסירט.

"מיר האבן קיינמאל נישט געזען אזא זאך" - האבן די דאקטוירים געזאגט איינשטימיג, "א פאציענט אין אזא א מיואש'דיגן שטאפל נאך צוויי וואכן זיין פארשלעפט זאל זיך אויפוועקן, און זיך ערהוילן אזוי געשווינד, דאס איז עפעס נישט וואס מיר האבן געלערנט און געוואוסט ביז יעצט...".

די דאקטורים האבן נישט געקענט ערקלערן ז◦ן וואונדערליכן ערהוילונג, אבער פאר ר' הערשל און ז◦נע נאנטע איז דאס געווען פארשטענדליך. שוין לאנג האבן זיי דערקלערט מיט אמונה דעם שפריכווארט: "מען זאגט א דאנק און מען ווערט געהאלפן".

**געהערט פון בעל המעשה**

# די ברכה 'חונן הדעת'

## די מקור פון די ברכה

נאך די דריי ערשטע ברכות וואס זענען ברכות השבח, האבן די אנשי כנסת הגדולה מסדר געווען זאגן די ברכות פון בקשה, וואס אין זיי בעט דער מענטש אויף זיינע געברויכן. די ערשטע דריי ברכות פון בקשה זענען מוקדש אויף רוחניות'דיגע ענינים: 'אתה חונן', 'השיבנו... לתורתך' און 'סלח לנו' (ספר חסידים תשנב).

די חכמים (מגילה יז ב) לערנען אז מען דארף בעטן אויף 'בינה' נאך די ברכה פון 'קדושה', פון דעם וואס נאכן פסוק (ישעיהו כט כג): "וְהִקְדִּישׁוּ אֶת קְדוֹשׁ יַעֲקֹב" וואס איז מרמז אויף די ברכה פון קדושה, שטייט דער פסוק (שם כד): וְיָדְעוּ תֹעֵי רוּחַ בִּינָה", וואס איז מרמז אויף די בקשה פון בינה.

## די געבוי פון די ברכה

די ברכה איז אנדערשט פון די קומענדיגע ברכות מיט דעם וואס זי הייבט זיך אן מיט שבח ["אתה חונן"] און ענדיגט מיט א בקשה ["חננו מאיתך"], אנדערשט פון די קומענדיגע ברכות וואס הייבן זיך אן מיט א בקשה און לאזן אויס מיט א שבח. דאס איז ווייל די ערשטע דריי ברכות זענען ברכות שבח, דעריבער די ערשטע ברכה וואס איז נאנט צו זיין הייבט אויך זיך אן מיט א שבח, און נאר נאכדעם גייט מען אריבער אויף לשון בקשה ('עיון תפילה' בשם מהרשד"ל).

נאך ערקלערט מען, די חכמים זאגן (נדה ל ב) אז א קינד בעפאר ער ווערט געבוירן לערנט מען אים אויס כל התורה כולה, און בשעת ער ווערט געבוירן קומט א מלאך און געבט אים א פאטש אויף זיין מויל און ער פארגעסט דאס לערנען. די מפרשים ערקלערן אז דאס לערנען מיטן מלאך איז נישט אומזינסט, נאר עס ווערט צוריק נתעורר אין דער הארץ פון דער מענטש וואס פלאגט זיך אויפן לערנען (ראה 'עץ יוסף' שם). קומט אויס אז בעטן אויף דעת איז אנדערשט פון די אנדערע בקשות וואס מיר בעטן פון הקב"ה, ווייל דא בעטן מיר ער זאל אונז צוריק געבן אזאך וואס איז אוועק גענומען געווארן פון אונז בעפאר מיר זענען געבוירן געווארן, דעריבער נאך ביי די ברכה דערמאנט אין אנהויב: "אתה חונן לאדם דעת" נאך בעפאר ער איז געבוירן געווארן, וועגן דעם בעטן מיר מיר זאלן זוכה זיין צו פארשטיין וואס מיר האבן שוין געלערנט און געוואוסט (הגרצ"י מיכלזאהן דער פלונסקער רב, קובץ 'תל תלפיות' ח"ז סי' כב).

אויף נאך א וועג איז דא וואס ערקלערן, געווענליך א מענטש פארלאזט זיך אויף זיין פארשטאנד, פילט ער נישט אז ער דארף דאווענען אויף דעם אזוי ווי די אנדערע זאכן וואס ער פילט אז ער איז אנגעהאנגען בידי שמים (ראה רבינו יונה משלי ג ה), דעריבער האט מען מתקן געווען אנהויבן: "אתה חונן לאדם דעת", מעורר זיין דעם מענטש ער זאל זיך נישט פארלאזן אויף זיין פארשטאנד נאר ער זאל דאווענען צום באשעפער ער זאל אים חונן דעת זיין ('שפתי חיים' - 'רינת חיים' ביאורי תפילת שמונה עשרה עמ' פו).

## די באדייט פון די ברכה

די חכמים (נדרים מא א): "דדא ביה [דער וואס האט דעת] - כולא ביה [האט אלעס]; דלא דא ביה [דער וואס האט נישט דעת], מה ביה [וואס האט ער]?". דעת איז דער וויכטיגסטער זאך וואס פעלט אויס פארן מענטש, סיי צו קענען קויפן קערפערליכע געברויכן, און אויך וועגן רוחניות'דיגע געברויכן (מהרש"א שם). צוליב די געוואלדיגע חשיבות פון די דעת האבן די חכמים קובע געווען צו בעטן צום ערשט אויף דעם פריער פון אלע ברכות פון בקשה (ברכות לג א).

אויסער דעם, די סברא הייסט אז די בקשה אויף דעת זאל זיין פריער פון די אנדערע בקשות, ווייל אלע בקשות זענען אנגעהאנגען אין דעם. ווייל א מענטש וואס האט נישט קיין שכל וועט נישט פארשטיין די וויכטיגקייט פון די בקשות וואס מען האט מתקן געווען צו בעטן ביים דאווענען, און ווי ווייט דארף דער מענטש זיין אנגעהאנגען נאר אויפן באשעפער (רשב"א חידושי אגדות ברכות שם).

## זאגן 'אתה חוננתנו' אום מוצאי שבת

די חכמים האבן מתקן געווען צולייגן יעדע מוצאי שבת און יום טוב בי די ברכה דער נוסח: 'אתה חוננתנו', און דאס ווערט אנגערופן 'הבדלה שבתפילה' (ברכות לג א). אויף די קשר צווישן הבדלה צו די ברכה חונן הדעת ברענגט די גמרא אין מסכת ברכות (לג א) צוויי ערקלערונגען: רב יוסף ערקלערט, די מעגליכקייט צו קענען מבדיל זיין בין קודש לחול איז אנגעהאנגען אין חכמה, און דעריבער האט מען קובע געווען צו זאגן הבדלה ביי די ברכה. און די חכמים ערקלערן אז ווייל די הבדלה באצייכנט די אריבערגאנג פון שבת אויף אינדערוואכן, דעריבער איז פאסיג עס זאגן ביי די ערשטע ברכה וואס ווערט געזאגט נאר אין די וואכן טעג, וואס דאס איז די ברכה 'אתה חונן'.

נאך ערקלערן די חכמים (ירושלמי ברכות ה ב. ראה מג"א רצד א) אזוי ווי מען מעג נישט טון א מלאכה בעפאר הבדלה אזוי אויך מעג מען נישט בעטן אויף די אייגענע געברויכן בעפאר הבדלה, וועגן דעם דארף מען דערמאנען די ענין פון הבדלה ביי די ערשטע פון די ברכות פון בקשה.

די תפילה 'אתה חוננתנו למדע תורתך' פירט מען זיך זאגן אינמיטן די ברכה, נאך די ווערטער "לאנוש בינה". דער 'לבוש' (רצד א) ערקלערט אז אין די ווערטער "אתה חונן לאדם דעת" לויבן מיר אויף די דעת וואס הקב"ה האט אריינגעגעבן אין הארץ פון דער מענטש, צו פארשטיין און זיך קלוגן אין אלעוועלטליכע זאכן. אבער ביי די תפילה "אתה חוננתנו למדע תורתך" לויבן מיר ספעציעל אויף די דעת וואס ער האט געגעבן פאר די אידן כדי צו פארשטיין די תורה, און דורך דעם ווייסן זיי צו מבדיל זיין בין קודש לחול.

## די כוונה פון אמן

עס איז ריכטיג אז אויף אונז ליגט צו לויבן אויף די דעת וואס השי"ת האט געשאנקען דעם מענטש, און הלוואי ער זאל אונז שענקען זיך צו פירן שטענדיג מיט חכמה און דעת (ראה סידור 'נהורא השלם').

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

### אין זכות פון ענטפערן אמן ווערט אנגענומען די תפילה

## ענטפערן אמן עפנט די טויערן פון תפילה

דער זוהר הקדוש (וילך רפה ב) שרייבט אז ווען די אידן זענען געווארנט ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס ווען זיי דאווענען צו הקב"ה אויף זייערע צרות, רופט אויס דער קול אין אלע עולמות: "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים" (ישעיה כו ב) - אל תקרי 'אמונים' אלא 'אמנים'; 'פתחו שערים' - אזוי ווי די אידן האבן געעפנט די טויערן פון ברכות, אזוי וועט זיך עפענען פאר זיי די טויערן פון תפילה, און זייער תפילה וועט אנגענומען ווערן.

נאך ווערט געברענגט אין תיקוני זוהר (מ א): אז אויף דער וואס ענטפערט אמן בכל כוחו איז געזאגט געווארן דער פסוק (שם נח ט): "אז תקרא וה' יענה". ווייל 'אז' איז גימטריה ח', און די ווארט 'אמן' איז גימטריה פון די צוויי שמות הוי"ה און אדנ"י, וואס צוזאמען האבן זיי ח' אותיות.

## ענטפערן אמן אזוי ווי נאך א תפילה

אויפן פסוק (תהלים כז יד): "קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה'" דרש'ענען די חכמים (מדרש תהלים שם): "אם נתפללת וחזרת ונתפללת תהא מבושר שתפלתך נשמעת". ערקלערט רבינו יונה ('אגרת התשובה אות ט) "נתפללת וחזרת ונתפללת" מיינט, דערנאך וואס דער מענטש האט געדאווענט די שטילע שמו"ע, הערט ער זיך צו צום ש"ץ וואס דאוונט איבער און ענטפערט אמן מיט כוונה, און דורך דעם איז עס גערעכנט ווי ער האט געדאוונט צוויי תפילות און ער איז פארזיכערט אז זיין תפילה ווערט אנגענומען.

עס זענען דא וואס שטעלן עס צו צו שיקן א בריוו אדער א פעקל. אויך אויב עס איז אריינגעלייגט געווארן אסאך פלאג צו שרייבן דעם בריוו אדער צוגרייטן די פעקל, מוז מען זארגן עס שיקן צו איר ריכטיגן אדרעס. אזוי איז אויך ביי אונז: די שטילע שמו"ע איז צוגעגלעכנט צושרייבן א בריוו אדער א פעקל וואס זענען גרייט צום שיקן, און ענטפערן 'אמן' נאכן ש"ץ איז דער וועג וואס דורך דעם איז מען פארזיכערט אז די תפילה וועט אנקומען צו איר ציל ('ישמע מהיכלו קולי' עמ' קנא).

## די אמן וועט ארויף גיין אויף זיין תפילה

די חז"ל (ברכות נה ב) אז דער וואס האט גע'חלום'ט א חלום און פארשטייט נישט זיין באדייט, צי עס איז גוט אדער שלעכט, זאל זיך שטעלן פאר די כהנים בשעת ברכת כהנים און זאגן א ספעציעלע תפילה [וואס דעם גאנצן נוסח ווערט געברענגט אין גמרא דארטן] און עס ענדיגן ווען די כהנים ענדיגן זייער ברכה, כדי ווען דער ציבור וועט ענטפערן אמן אויף די ברכת כהנים וועט ארויף גיין די אמן אויך אויף זיין בקשה. לייגט צו דער 'ערוך השולחן' (או"ח קל א) די סיבה פארוואס עס נישט גענוג אז דער וואס האט גע'חלום'ט זאל דאווענען בשעת ברכת כהנים וואס דעמאלטס איז א עת רצון, נאר מען האט אים געהייסן ער זאל ענדיגן זיין בקשה צוזאמען מיט די כהנים כדי די אמן זאל חל זיין אויף זיין ברכה: "ווייל ענטפערן אמן העלפט זייער צו אז זיין תפילה זאל אנגענומען ווערן"

# אגרות אמונים

### א בריוו פון א געטרייער לייענער

**צו די הויכגעשעצטע הנהלה**
**פון 'בני אמונים' הי"ו**

איר זאלט געבענטשט ווערן אויף ענקערע געוואונטשענע אקטיוויטעטן. אנשטאט פירן א קאמפיין אויף די חומר האיסור פון רעדן בשעת'ן דאווענען, האבן ענק אויסדערוועלט ערקלערן דעם ציבור די חשיבות פון א ברכה און פון יעדע אמן. און ווער וועט דען רעדן בשעת'ן דאווענען אדער קריאת התורה אין די צייט וואס ער ווייסט דעם געוואלדיגן שאדן וואס קומט ארויס יעדעס מאל וואס מען דערלייגט א אמן בכוונה.

איך האב ענק געוואלט מיטטיילן מיט א וואונדערליכן רמז וואס לערנט אונז די חשיבות פון ענטפערן אמן אין שול: אין תהילים (פד א) שטייט: "כִּי טוֹב יוֹם בַּחֲצֵרֶיךָ מֵאָלֶף בָּחַרְתִּי הִסְתּוֹפֵף בְּבֵית אֱלֹקַי...". די גימטריה פון די ראשי תיבות פון דער פסוק, באטרעפט פונקט איין און ניינציג! דיך צו לערנען אז די סיבה פארוואס דוד האט באשלאסן זיך אויפהאלטן אין שול איז צוליב די סאך אמנים וואס ווערן דארט געהערט.

און א עצה טובה קמשמע לן, און אזוי פיר איך זיך מיטן אויבערשטנ'ס הילף, יעדעס מאל וואס איך גיי פרי אין שול טראכט איך אין מיין מח די סאך מצוות וואס איך בין זוכה יעצט צוליב דעם וואס איך בין אויפגעשטאנען פרי צום דאווענען און אויפן גיין אין שול, און אויף די הונדערטער מצוות וואס איך גיי זוכה זיין דורך די אמנים וואס איך וועל ענטפערן אין שול.

מיט א וואונטש פון טיפן הארץ

**י.ש.ב. - לאנדאן**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס
9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


דער אדר"ת זי"ע

## האדר"ת
## ג' אדר תרס"ה

הרב אליהו דוד ראבינאוויטץ-תאומים וואס ווערט גערופן מיט ראשי תיבות - 'דער אדר"ת', איז געבוירן אין יאר תר"ג אין די שטעטל פיקלין וואס איז אין ליטא צו זיין פאטער רבי בנימין וואס איז געווען דער רב פון די שטעטל. נאך בעפאר ער איז אלט געווארן דרייסיג יאר איז ער אויפגענומען געווארן צו דינען אלס רב פון די שטאט פאנאוויזש. אין די פאסטן האט ער געדינט ארום צוואנציג יאר, און אין יאר תרנ"ד איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב פון די שטאט מיר. אין יאר תרס"א איז ער ארויף קיין ארץ הקודש צוליב די איינלאדענונג פון דער אלטער ירושלים'ער רב רבי שמואל סאלאנט צו דינען צוזאמען מיט אים, אבער נאך אין די יארן פון הרב סאלאנט, ארום פיר יאר נאכן ארויפקומען איז ער נפטר געווארן ג' אדר א' תרס"ה, און איז באערדיגט געווארן אויפן הר הזיתים.

## א באזונדערע ליבשאפט אויף ענטפערן אמן

"איך בין זייער שטארק געווארנט געוועזן צו ענטפערן אמן נאך פון מיין יוגנט, און איך האב ליב און איך לויף מיט א אויסערגעווענליכן ליבשאפט צו די מצוה, אזוי ווייט אז עס איז געווארן כמעט ווי מיין נאטור, אז איך האב זיך איינגעוואוינט צו הערן יעדן טאג די ברכות השחר פון עטליכע מענטשן, און יעדער וואס זעהט זאל זיך אפלערנען פון מיר ליב האבן צו ענטפערן אמן, וואס אמאל האט מען אין דעם גרינגגעשעצט, און מ'האט נישט געהאלטן טייער די מצוה, איז דען ווייניג וואס חז"ל זאגן אזוי געוואלדיג אין איר חשיבות?! און אויף דעם גרינגן וועג קען יעדער פאר זיך איינקויפן עולם הבא, מקיים זיין הונדערטער מצוות יעדן טאג, גרינג אן קיין שוועריקייט".

'נפש דוד' (אות כג)